# משה רבנו'ס געבורטסטאָג

**ז' אדר, פרשת תצוה**

**הרב מנחם רוקח**

די היימישע אידישע וועלט שמייכעלט אוועק דאס פראוועןן א געבורטסטאָג. דאָס איז א גוי'שער מנהג, ווייזט מען אָן, "ויהי... יום הולדת את פרעה ויעש משתה לכל עבדיו" (בראשית מ:כ); פאר פרעה'ן פאסט עס, נישט פאר אונז. דער אמת איז, אָבער, אז משה רבנו'ס געבורטסטאָג שפילט א וויכטיגע ראָלע אין יהדות.

בקשר מיט פורים, ווי באקאנט, איז דער נאָמען "פורים" על שם הפור הוא הגורל, וואָס המן הרשע האָט געמאכט אויסצוקלייבן דעם חודש און דעם טאָג אויסצופירן זיין טייוולאנישן פלאַן אויסצוראָטן ח"ו דעם אידישן פאלק. ווען דער גורל איז אויסגעפאַלן "אדר" האָט זיך המן געפרייט; אין ז' אדר איז דאך משה נפטר געווארן און ממילא שוואַכט עס אָפּ דעם ווידערשאנד פון די יודן (מגילה דף יג:). די גמרא איז מוסיף: המן האָט נישט געוואוסט אז משה איז אויך געבוירן אין ז' אדר, איז דעריבער דער טאָג א זכות פאר יודן, וואס וועט ברענגען דער דורכפאַל פון המן'ס פלאַן.

דאָ איז וויכטיג צו באַטאָנען די פראגע, וויבאלד אז דער טעגליכער גורל, מיום אל יום, איז ארויסגעקומען דרייצן טעג אין אדר, איז דאָך דאָס נישט דער טאָג פון משה'ס פטירה, ווי אויך נישט זיין געבורטסטאָג? איז דער ענטפער אז די יודן האָבן געטרויערט שבעה נאָך משה'ס פטירה ["תוך ימי אבלות" - מהרש"א], און נישט געלערנט תורה, דאָס האָט המן געמיינט וועט אָפּשוואַכן דער כח פון די יודן.

דער אויספיר אין גמרא איז, ונהפוך הוא, אז ז' אדר איז משה רבנו'ס געבורטסטאָג, דער רבי פון כלל ישראל האָט דאָך כל ימיו געלערנט תורה מיט יודן, איז דאָס א זכות און כח פון לימוד התורה פאר יודן.

מערקווירדיג איז דער מנהג פון קהילות וועלכע האָבן חברה קדישא'ס, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט ענינים פון אבילות, שבעה, און יאָרצייט, זיך צוזאַמקומען איינמאָל א יאָר, זיבן טעג אין אדר, הערן דברי תורה און מוסר פון א גדול בישראל, טאַקע וועגן חיי אדם אויף דער וועלט. אין די דרשות פון חתם סופר פאַרנעמט זיינע דרשות פון ז' אדר, אָרגאַניזירט פון די חברה קדישא, גאָר אַסאַך עמודים. בלי ספק איז דער טאָג אויסגעקליבן געוואָרן צוליב די לעבעדיגקייט פון דאָזיקן טאָג, "בז' אדר נולד". דער געבורט פון משה'ן דער רבי, דער מלמד פון כלל ישראל, האָט דאָך געברענגט צו אובאגרעניצטער לימוד תורה. אין א יאָר פון צוויי אדר'ס איז אויך לימוד התורה דאָפּעלט, טיעפער.

ס'איז אויך מערקווירדיג אז משה רבנו'ס נאָמען איז דערמאַנט אין די תורה גענוג מאָל גוטצומאַכן דאָס וואָס אין פרשת תצוה פעהלט זיין נאָמען. אין גאַנץ תנ"ך ווערט משה'ס נאָמען דערמאַנט, לויט'ן קונקורדאַנציע, זיבן הונדערט זיבעציג מאָל. אין דאָזיקן חשבון גייט אריין אַרום דריי הונדערט מאָל אין חומש שמות אַליין.

אויך איז פרשת תצוה אייגענארטיג דערמיט וואס מער ווי הונדערט מאָל אין די פרשה רעט דער רבש"ע מיט משה'ן דירעקט: ואתה, ועשית, ונתת, ולקחת, א.א.וו.

ס'איז מערקווירדיג אז משה האָט געהאט צען נעמען, אָבער די תורה הקדושה האָט אויסגעקליבן דעם נאָמען "משה", וואס איז אים געגעבן געוואָרן דורך בת פרעה וועלכע האָט אים ארויסגעשלעפט פון טייך און אים אויפגעהאָדעוועט. איינמאָל א יאָר, שמחת תורה, ביים צוריקברענגען די ספרי תורה אין ארון, דערמאַנט מען אלע צען נעמען, ווי געדרוקט אין מחזור סוכות: משה, נתנאל, שמעיה, אבי סוכו, אבי זנוח, חבר, יקותיאל, טוביה, ירד, אביגדור.

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן צו זאָגן אז דורך דערמאנען אלע נעמען גיט מען משה רבנו אַזאַ מין עלי', ווי יעדער יוד וואָס איז עולה שמחת תורה. ווען מ'רופט אויף א יוד פאר אַן עלי' דערמאנט מען זיין פולן נאָמען. [דער כרוז פאַנגט זיך אָן "משה 'עלה' למרום", א גאנץ חשוב'ע עלי'].

די גרעסטע אַנערקענונג, אָבער, צו משה, איז דוכט זיך, אין די פרשה פון שירת הים. דאָרט שטייט וועגן משה'ן אַן ענין וואָס פאָדערט גרינטליכער ערקלערונג. שטייט דאָרט "ויראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו", וואס פאַראַ אמונה איז געווען דאס גלייבן אין משה? משה איז דאָך געווען א בשר ודם. לאָמיר זיך דאָ טיילן מיט דריי פשטים, וועלכער יעדער באזונדער ווייזט אָן אויף די אייגנאַרטיגע גייסטיג דערהויבענקייט פון משה'ן.

א) דער תרגום אונקלוס טייטשט "ובנביאות משה עַבְדֵה", כנסת ישראל האָט געגלויבט אין די נביאות פון משה'ן. דאָס וואָרט "נביא" קומט פון "ניב שפתים", דאָס ארויסרערן מיט'ן מויל. דער נביא איז א שליח פון רבש"ע צו רעדן צום פאָלק. דאָס האָט פולער באַדייטונג נאָר ווען דאָס פאָלק אַנערקענט דעם משלח, באַוואוסטזיניג אז דער שליח רעט אין נאָמען פון רבש"ע דעם משלח. נאָר דורך אַזאַ גלויבן אין די נביאות פון משה האָט געקענט קומען צו די שירת הים. צו דעם "זה אֵ-לי ואנוהו". דאָ איז מען שוין צוגעקומען צו די מדרגה פון די הבטחה צו משה'ן "וגם בך יאמינו לעולם" (שמות יט:ט).

ב) ר' צדוק מלובלין אין צדקת הצדיק (אות נ"ח) שרייבט אַנאַנדערן פשט. ובמשה עבדו מיינט מען דעם כנסת ישראל. משה רבנו האָט רעפרעזענטירט כנסת ישראל, און איז געווען דורכאויס, לבו נפשו, דעם וואוילזיין פון כנסת ישראל. מיינט מען דעריבער אמונה אין כנסת ישראל אז דער רבש"ע האָט אויסגעקליבן און דערהויבן דעם אידישן פאָלק. יודן זענען דער עם הנבחר, דער אתה בחרתנו פאָלק. דערצו דארף מען האָבן אמונה אין ישראל קדושים, ווי מרומז אין פסוק "זכר חסדו ואמונתו לבית ישראל (תהלים צח:ג).

דער דאָזיקער רעיון איז שוין אָנגעדייטעט אין מכילתא (כאָטש נישט אויף ויאמינו, נאָר אויף אז ישיר) אז ישיר משה ובני ישראל, "ומשה שקול כנגד כל ישראל וישראל שקולין כמשה בשעה שאמרו שירה".

ג) דער גרעסטער רכוש וואָס א יוד פאַרמאָגט איז זיין אמונה. עס איז א מתנה פון רבונו של עולם פאר וועלכן מ'דארף דאנקן. ביי אברהם שטייט והאמין בה' ויחשבה לו צדקה (בראשית טו:ו). רש"י לערנט אז ס'איז געווען א זכות פאר אברהם'ן אז ער האָט געהאט אמונה. ער איז דאָך געווען דער יחיד וואָס האָט געהאט אמונה, אין א וועלט פול מיט כופרים, "אחד היה אברהם" (יחזקאל לג:כד).

פאַראַן אויך א פשט (החסיד יעבץ אין חסדי ה') אז אברהם האָט עס געהאלטן פאר א חסד און צדקה פון השי"ת צו אברהם'ן אז ביי אים און זיינע דורות, וועט זיין אמונה. יעדן אינדערפרי ביים אויפשטיין זאָגט דער יוד מודה אני לפניך... רבה אמונתך. פאר די אמונה גופא איז מודה אני לפניך.

די דאָזיקע דאנקבארקייט האָבן יודן געפיעלט צו משה רבנו וועלכער האָט איינגעפלאַנצט אמונה אין אידישע הערצער. משה האָט פאַרמאָגט דעם קרעדיט פאר אידישער אמונה. ויאמינו בה', און קרעדיט דערפאר האָבן זיי געגעבן מיט דאנקבארקייט "במשה עבדו".

שטייט אין ספרים אז דעריבער איז משה רבנו געווען ענו מכל האדם, ווייל ווייבאלד דער רבש"ע האט גערעדט מיט אים פה אל פה (במדבר יב:ח) איז ביי אים נישט שייך געווען אמונה, וואס שטייט נאך העכער פון ידיעה.

די תורה הקדושה איז מסיים, אין פרשת ברכה, מיט די ווערטער "ולכל היד החזקה... אשר עשה משה לעיני כל ישראל". דורשי רשומות זאָגן אז דער ראשי תיבות פון די לעצטע פיער ווערטער איז "כלים". (דער אוהעלער רב הרב ר' שלום ווייס זצ"ל איז מסביר די ראשי תבות "כלים" אין ספר פרישת שלום, 75 עמודים).

דער אויפטו פון משה רבנו איז זיין מאכן פון כלל ישראל "כלים" אויף אריינצונעמען אמונה און קדושה.